# איציקל דער גאָלדקלאַפּער.

ער איז נישט דזשעק לאָנדאָנס אַ העלד, פון די גאָלדזוכערס, צי גאָלד־גרעבערס, וואָס האָבן געוואַנדערט אין די קאַליפאָרנישע און אַלאַסקישע מדבריות מיטן גאָלד־הונגער אין האַרצן, מיט אַ פיבער, און מיט מעסערס און פיסטאָלן אין די גאַרטלען.

איציקל איז אַ סטאַשעווער, פון פוילן. איינער פון יענע יידן, וואָס לאָזן זיך אין די בראַזיליאַנישע ישובים זוכן שריים גאָלד, פאַרוואַלגערטע אין דאָרפישע שטיבער, ביי מענטשן, וואָס קענען זיך נישט אויפן פרייז פון געלן מעטאַל און עס ליגט ערגעץ, ווי ברוך, אין די אַלטפרענקישע מעבלשטיקער, נאָך פון די קאָלאָניאַלע צייטן, א זכר פון די פּאָרטוגעזישע שווערד־העלדן, איבער די וועגן חזרן זיי איבער מאַנאַטאַן:

„כ׳קויף אַלט, צעבראָכן גאָלד, פאַרזשאַווערטס; אַלטע גאָלדענע ציין, צעבראָכענע קייטלעך".

באַקומט אַ גאָלדקלאַפּער אין האַנט אַריין אַ שטיקל „אַלט, פאַרזשאַ־ווערט" גאָלד, — מעגט איר זיכער זיין, אַז עס בלייבט ביי אים. צי ער באַצאָלט יושרדיק, צי ער נאַרט אויס, — עס איז זיינס.

משפחהדיקס איז פאַראַן צווישן יידישן גאָלדקלאַפּער און די דזשעק־לאָנדאָנישע גאָלדגרעבערס און אַוואַנטוריסטן: די צעהיצטע פאַנטאַזיע. די דזשעק־לאָנדאָנישע העלדן זענען אָבער פאַרביסענע שווייגער און די יידישע גאָלדזוכערס — באַרימערס און „דיכטערס"...

אַז איציקל איז געקומען פון סטאַשעוו דאָ אַהער, האָבן זיך אַ סך בני־עיר זיינע שוין געהאַט גוט אַרויפגעאַרבעט, אַ טייל ביי קליענטעלע און אַ טייל טאַקע ביי „גאָלד". איציקל, נאָכן מוטשען זיך אַ צייט ביי אַנ־דערע געשעפטן, איז אַריין אין מסחר פון גאָלד מיטן גאַנצן לעבן און מיטן באַקאַנטן הונגער נאָך פרנסה.

צי האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט נאָך יאָרן „קלאַפּן" ווייסט מען נישט. ער איז אָבער דער העלד פון די באַרימערייען און פאַנטאַזיעס צווישן אַלע סטאַשעווער גאָלדקלאַפּערס.

קומט דער זונטיק, קלייבן זיך אַלע צוזאַמען ביי אַ טיש אין קאַפע־הויז און איציקל דיקטעט:

— אַז כ'בין געווען אַ גרינער, האָב איך פאַרדינט אַ קאָנטע אַ טאָג, אַ קאָנטע אַ טאָג.

— ביי גאָלד, איציקל?

— נאָך נישט געווען דעמאָלט קיין גאָלד... דעמאָלט איז געגאַנגען „אַן אונטערגעגאַנגענע שיף": איך נעם מיר אַ גומי־קאַפּע אין באָם רעטירא, פאָר אַ 40 מיל, וואַרף זי אַריבער אויף די פּלייצעס און שפּאַציר אַרויף און אַראָפּ אין סאַנטאָס, ביי דער פּראַיע, דאָרט, ביי די רייכע האָטעלן און קאַסינאָס. שפּאַציר איך אַזוי לאַנג ביז די הערשאַפטן ביי די טישלעך ווערן אויפמערקזאַם און פרעגן מיך:

„ווילסט עפּעס, סעניאָר, זוכסט עפּעס?"

— דערצייל איך זיי אויף ענגלישן שטום־לשון:

„מיסטערס! מיין שיף איז אונטערגעגאַנגען... פאַרמעגן פאַרלוירן. אין קעשענע נישטאָ קיין פעני. אַ גומימאַנטל פון מאַנטשעסטער, געקאָסט 12 פונט. פאַר 8 פונט פאַרקויף איך.

זיצן זיך דאָרט אין די קאַסינאָס, — דיקטעט אַלץ איציקל, — די רייכע פאַזענדעיראָס, ווי איר ווייסט, אויסגעשוואַליעטע, וואָס ווילן זיך אויספיינערן פאַר זייערע נקבות. געהערט אַן ענגלישן גומימאַנטל, „ריין מאַנטשעסטער", ווערט ביי זיי אַ דינגעניש און אַלע ווילן קויפן. האָב איך שוין געקריגן קאָסטן־פּרייז: 12 פונט!

פאַרטיק געוואָרן מיט איין קאַסינאָ, גענומען נאָך אַ מאַנטל און ווידער דאָס אייגענע ביי אַ צווייטער קאַסינאָ: „אַ שיף אונטערגעגאַנגען"... אַזוי האָב איך פאַרדינט אַ קאָנטע אַ טאָג, אַ קאָנטע אַ טאָג".

די טישזיצערס ווערן ברייטער און לענגער פון הנאה פון איציקלס גוזמאות, וואָס זיי האָבן שוין געהערט מער ווי איין מאָל. איינער אַ סטאַשעווער, אַ פעסט יידל, אַ גאָלדקלאַפּער, וואָס האָט זיך גוט אַרויפגעאַרבעט

און האָט ליב, לויטן שטייגער פון אַ גביר, צו הערן באַרימערישע מעשיות פון קבצנים, רופט זיך אָן:

— לאָז שוין אָפּ די דערטרונקענע שיף, איציקל. דערצייל בעסער די מעשה מיט די שעלקעס!

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, — אַ פּשוטע מעשה:

„אַז כ׳בין צוריקגעפאָרן פון מינאס, ווי כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אַ מאַסע גאָלד, בין איך אַראָפּ אויף דער סטאַציע אין מאַזשין־דאָס־קרוזעס כאַפּן אַ קאַוועלע. ערשט געטראָפן אַ באַקאַנטן פאַזענדעיראָ און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. מיר פאַררייכערן אַ סיגאַרעס, ערשט פּלוצלינג — דער צוג רירט זיך. נו, שפּרינג איך אַרויף אויפן צוג, — כ׳האָב דאָרט געהאַט איבער־געלאָזט מיינע פּעק גאָלד, — גיט זיך אַ שעלקע אַ זאַטשעפּע אין אַ סלופּ פון מאַזשינער־סטאַציע... די באַן פאָרט און די שעלקע ציט זיך און ציט זיך...

ערשט, אָנקומענדיק אין אַ שעה אַרום צו דער סטאַציע דע נאָרטע, קריג איך אַ שנעל פון דער שעלקע. זי איז דעמאָלט אָפּגעשפּרונגען פון מאַזשין!"

איציקל קוקט זיך אַרום אויף דער אוידיטאָריע. חברה, אַרויפגעאַרבעטע גאָלדקלאַפּערס, קוועלן פון זיינע מעשיות. פון זייערע פּנימער לייענט מען אַראָפּ די גראָבע הנאה. ער אַליין, איציקל, איז אַ בלאַסער, מיט גרוי־סע טיפע אויגן, אַ מעפיסטאָפעל־מאַסקע, וואָס מע קען קיין מאָל נישט דערגיין דערפון דעם אמת: צי האָט ער געלט, צי איז ער אַ דלפון. טייל זאָגן, אַז ער האָט געלט, אַ סך געלט „אין די בענק". טייל זאָגן אַז, אדרבא, ער איז אַן אָרעמאַן, וואָס האָט אפילו נישט אויף אַ רעמעדיע פאַר די קינדער.

— נו, איציקל, און די וואָך האָסטו עפּעס געמאַכט? געהאַט אַ גוטע וואָך? ווו ביסטו געפאָרן קלאַפּן? ווידער אין מינאס? — פרעגט אים דער זעלבער „קלאַפּער".

— הייסט דערלאַנגען אַ קאַוועלע, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי כ׳האָב געמאַכט דעם חודש מיט איין מאָל, מיט איין קלאַפּ, און איציקל שפּינט:

„געווען איז עס אין דער שטאָט פון טוביהס ו ל ח ל ק ל ק ו ת, ווי הייסט זי: אַראַקאַסאַבאַטובאַ. אַמאָל איז דאָרט געווען אַ סך גאָלד... געד וואַלגערט זיך אין אַלע שאַקרעס. דאָס מאָל גיי איך אַזוי אַ גאַנצן טאָג פון איין שאַקרע צו דער צווייטער, פון פאַזענדע צו סיטיע און — גאָרנישט, נישטאָ קיין פעטשאַטעק.

קוים זיך געשלעפט, נישט געהאַט קיין כוח אפילו צוריקצוגיין צו דער סטאַציע אַהיימצופאָרן, איר ווייסט דאָך; אַז מע מאַכט גאָרנישט, ווערט מען מיד, פאַרלירט מען די כוחות. די זון שרפהט, — אַ פייער פון הימל, נישטאָ אַפילו ווו אַ טרונק צו געבן. קלער איך, כ'וועל נאָך צוגיין צו דער גרויסער פאַזענדע, צו דער לעצטער, אויף דער עסטראַדע.

קוים זיך צוגעשלעפט צו דעם טויער, קלאַפּ איך אָן דריי מאָל מיטן שטעקן!

קומט מיר אַרויס אַ שוואַרצער און פרעגט:

„קע דעסעזשאַ? ווער ביסטו, וואָס ווילסטו?" ענטפער איך:

„כ'האָב אַ געשעפט צום פריץ, צום פאַזענדעיראָ. גיי זאָג דיין דאָנאַ, אַז אַ רוסאָ האָט צו אים אַ געשעפט."

איציקל שטעלט זיך אָפּ, קוקט מיט פאַראַכטונג אויף זיינע צוהערערס:

„איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט האָבן צו טאָן מיט משרתים. איך גיי שטענדיק צום דאָנאָ.

מיין פריץ האָט געהערט אַ רוסאָ, קומט ער אַראָפּ, דערלאַנגט מיר מיט פּאָוואַזשעניע די האַנט און פרעגט מיך:

„וואָס ווילסטו פאַרקויפן? און אפשר ווילסטו עפּעס קויפן?" ענטפער איך קורץ און שאַרף:

„איך קויף־אויף גאָלד! אַלט גאָלד. און איך עפן אויף מיין פּאָרטפעל און וויַיז ס'פּאַפּיר פון היגן מלכות, אַז איך, איציקל פון סטאַשעוו, בין רעד קאָמענדירט אויפצוקויפן גאָלד פאַר דער „באַנקאָ דע בראַזיל". מילא, איר ווייסט דאָך...

רופט זיך אָפּ דער פאַזענדעיראָ:

„זעסט די קייט, וואָס דער הונט איז מיט איר צוגעבונדן צו דער בודע? זאָג, רוסאָ, וויפל איז זי ווערט?"

כ׳גיב אַ קוק, — אוי־וואַ! — אַ גאָלדענע קייט, זהב טהור... אפשר אַ פוד די וואָג... כ׳נעם מיין צוועגגל, וואָס כ׳טראָג שטענדיק מיט זיך און ביים באַטראַכטן די קייט פּרוביר איך אָפּצובייסן אַ פּאָר רינגען. ס׳הייבט זיך נישט אָן! האַרט ווי שטאָל! דער פּריץ באַפעלט צו ברענגען אַ קאָוואַדלע מיט אַ שווערן האַמער און מיט אַלע כוחות האַקן מיר אָפּ אַ שפּאָר ביסל רינגען פון דער קייט. מיט אַ פּורל האָב איך זיי צוגעשלעפּט צו דער סטאַ־ציע פון אַראַקאַסאַבאַטובאַ, באַצאָלט אַ שיבוש דעם פּאַזענדעירא, זיך געזעגנט מיט אים ביי אַ כוסה פינגאַ (בראָנפן), און אַהיימקומענדיק האָב איך אָנגעזאָגט ס׳ווייב אַ בשורה: געמאַכט ס׳יאָר! אַ פוד גאָלד!״

איציקל זאָגט עס טרוקן, כמעט מעלאַנכאָליש און עס דוכט זיך אַפילו, אַז ער האָט גאָר שטיל אָפּגעזיפצט. חברה גאָלדקלאַפּער דערשרעקן זיך פונדעסטוועגן, כאָטש זיי קענען שוין איציקלס גוזמאות. אָבער אַ קשיא אויף איציקלען? אפשר איז עס אמת?

איינער קאָן עס נישט פאַרטראָגן. אַ קליינינקייט, אַ פוד גאָלד?! און שטייט צו:

— וויפל וועסטו אַרונטערלאָזן? אפשר איז עס אַ ביסל ווייניקער

— מילא, זאָל זיין ווייניקער. אַ האַלבער פוד איז זיכער געווען...

— אַ האַלבער פוד?! גאָרנישט ווייניקער?

— מילא, זאָל זיין ווייניקער. אַ קילאָ איז זיכער געווען...

ווערט דער עולם שוין פריילעך, אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן... דער דיקער סטאַשעוועער נעמט זיך צו איציקלען שטרענג:

— זאָג דעם אמת, איציקל, וויפל גאָלד האָסטו געמאַכט ביים פּאַ־זענדעירא אין אַראַקאַסאַבאַטובאַ?

איציקל הייבט אויף זיינע גרויסע, טיפע און טרויעריקע אויגן, באַ־טראַכט דעם גראָבן לאַנדסמאַן זיינעם און ענטפערט אים געלאַסן:

— ווילסט וויסן? — פּאָר אַהין, וועסטו געוויר ווערן. אַ שטיקל קייט איז דאָרט נאָך געבליבן; נאָר גיב אַכטונג אויפן הונט....